נייעסן, באריכטן, אנטוויקלונגען און היסטאריע פון
**מוסדות יטב לב דרבינו יואל בארה"ק**
לצדקת רבי מאיר בעל הנס

גליון יז

# בקודש חזיתיך

ארויס געגעבן דורך הנהלת מוסדות יטב לב בארה"ב

שבת מברכים ניסן • שנת תשע"א לפ"ק

# דעבאטעס? נישט איצט!

באארבעט דורך: הכותב

ר' חיים איז ליידער א שטענדיגער נצרך לבריות. ער דארף היינט צוקומען צו מענטשן פונקט ווי נעכטן, און מארגן וועט ער ווארשיינליך ווייטער דארפן פונקט ווי היינט. צוליב פארשידענע סיבות האט ער נישט די מעגליכקייט אליינס געהעריג עוסק צו על המחי' ועל הכלכלה. פון דאס ביסל וואס ער ארבעט פארדינט ער קוים עפעס, און אויף דאס איבעריגע וואס פעלט זיך אים אויס כדי חיוו איז ער אלץ אנגעוויזן אויף די חסדים פון אנדערע גוט-הארציגע מענטשן אז מען זאל אים ארויסהעלפן.

דרייט ער זיך כסדר צווישן מענטשן. ער מוטשעט זיך און שטארקט זיך אויף זיין נאטורליכע בושה צו בעטן פון מענטשן. פון אייניעם בעט ער אפען, און פאר א צווייטן איז ער מרמז אז מען זאל אים געבן, און אזוי שטופט ער כסדר. זייע באקאנטע קענען אים שוין, און פרובירן אלץ אים צו העלפן לויט זייער יכולת. אמאל גיט מען אים און אמאל... דרייט מען זיך ארויס... נישט אלץ האט יעדער די מעגליכקייט צו געבן לויט וויפיל מ'וואלט געדארפט געבן פאר אזא נצרך.

מאכט זיך אמאל ווען עטליכע ידידים פון ר' חיים נעמען זיך צוזאם, און ארגאנאזירן א "טיי אוועט" און ווי וואונדערליך עס איז, יעדער איז דא. "אלע" זייערע ידידים קומען און קיינער דרייט זיך נישט ארויס. יעדער קומט און יעדער גיט געלט. אסאך האבן שוין געגעבן נעכטן און פאריגע וואך, אבער איצט קומט יעדער צוגיין. יעדער שטרענגט זיך אן צו געבן שיינע סכומים. וואס איז?

ס'איז אציגד בלויז עטליכע טעג פאר די חתונה פון ר' חיים'ס א קינד! און מ'האט נאכנישט איינגעקויפט דאס מינימאלסטע. דאס קען מען נישט קויפן מארגן, און מען קען עס נישט אפשטופן אויף נעקסטע וואך. דאס מען "שוין איצט" איינקויפן, און אז דאס איז דער מצב, פרובירט קיינער זיך נישט ארויסצודרייען. יעדער איז דא און יעדער העלפט.

מוסדות יטב לב מאכט איצט נישט "חתונה"... אבער וואס עס איז זיכער אז מען האלט איצט פארן "הויפט-סעזאן"...

יא, א גאנץ יאר איז מוסדות יטב לב אנגעוויזן אויף די ווארימסטע שטיצע פונעם ברייטן ציבור. פערצן מאל א יאר (היי-יאר, פופצען) דארף מען שאפן נאנט צו $150,000 כדי צו קענען שיקן תמיכה פאר די מוסדות הקדושים אין ירושלים און אין בני ברק, וואס דארף ארגינעל אריבערגעווייערט ווערן יעדן אייניציגן ראש חודש.

די הנהלה קען דאס נישט אליינס באוויזן, און מען גייט כסדר שאפן ביים ציבור, מ'בעט און מ'איז מעורר, מ'מאכט אקציעס און מ'פירט דורך קאמפיינס, דורך וועלכע מען שטעלט צוזאם דאס געלט וואס ווערט שפעטער אפגעשיקט קיין ירושלים און בני ברק. אמת, מ'שיקט א גאנץ יאר אויך, אבער צו זאגן אז מ'איז מצליח צו שיקן יעדן חודש באצייטענס איז אביסל איבערגעטריבן. ס'איז שווערע צייטן, און נישט אלעמאל

ב

פאר הערות, קאמענטארן,
אדער צו באקומען דעם גליון
**פארבינדט אייך מיט אונז אויף:**
**Tel: 1877-YETEV-LEV**
(1877-938-3853)
**Fax: 866-594-0261**

**המולד**
של חודש ניסן
**זונטאג מיטאג**
**12:44**
**מיט 8 חלקים**
ראש חודש: **דינסטאג**

# דעבאטעס???
# נישט איצט!!!

געלונגט עס אז מען זאל קענען אריבערוויירן דאס געלט אויף ראש חודש, און אפילו אמאל שפעטער אין חודש אויף נישט. מ'בלייבט אמאל אונטערשטעלונג א חודש צו צוויי. איבעריג ארויסצוברענגען ווי שטארק עס אפעקטירט דארט אין ארה"ק דאס נישט שיקן באצייטענס. די ארטיגע הנהלה איז שטארק אנגעוויזן אויפן געלט, און יעדן טאג וואס מען שפעטיגט צו שיקן, פארשווערט דאס שטארק אויף די ארטיגע חברי הנהלה. אבער וואס זאל מען טון אז עס איז קיין אנדערע ברירה נישט דא. נישט אלץ קען מען שיקן באצייטענס, און מען שטופט עס נאך דורך ווי-אזוי עס זאל נישט זיין.

דאס איז א גאנץ יאר.

״ניסן״ איז אנדערש! ניסן איז דער הויפט-סעזאן!

אז עס קומט דער יום טוב פסח קען מען אפילו אנדערש נישט קלערן, נאר אז דאס געהאלט פאר די כלי קודש וועט זיין אויסגעצאלט נאך פאר פסח. און אויב דאס געהאלט וועט זיין אויסגעצאלט, איז דאס נאר אויב מען האט פאר דעם געשיקט פון דאהי די תמיכות סיי אויף חודש ניסן און סיי אויף אלע חדשים וואס מען איז נאך אונטערשטעלונג ביז היינט. ס'איז נישט שייך דן צו זיין און ס'איז נישט שייך צו מאכן קיין באשלוסן אז צוליב דעם מצב איז נישט מעגליך צו שיקן דעם חודש. עס קומט אפילו נישט אין באטראכט אז מען זאל אזאנס דעבאטירן.

ביז קומענדיגן יום טוב פסח ״דארף״ זיין אריבערגעוויירט פונעם היזיגן אפיס קיין ארץ ישראל, די קאלאסאלע סומע פון קרוב צו א האלב מיליאן דאלאר! ס'איז ניטאמאל מעגליך אנדערש. פינטל.

עס שרייבט זיך גאנץ לייכט ״מ'דארף אריבערוויירן״ אבער עס ווייערט זיך דען אזוי לייכט? עס שיקט זיך עפעס פון זיך אליינס? קען מען דען שיקן איידער מ'האט עס געשאפן ביים ציבור?

דער אונטערגענומענער ״הונדערט-אכציג-דאלאר קאמפיין״ פונעם היי-יעריגן ״קמחא דפסחא אקציע״ פאדערט גאר אסאך. תש"ע איז דער קאמפיין געווען גאר וויכטיג, און תשס"ז און תשמ"ט אויך... תשע"א איז עס קריטיש וויכטיג. מ'דארף טאקע שיקן און מ'דארף טאקע האבן אויסגעצאלט אויף ביז פסח. אבער כדאי אז דער ״מוז״ זאל טאקע ווערן א ווירקליכער פאקט, פעלט זיך קריטיש וויכטיג אויס די ווארימסטע שטיצע פון יעדן יחיד בלי יוצא מן הכלל. מיר קענען זיך אצינד נישט ערלויבן צו פארפאסן די נדבה אפילו איין יחיד פון אנ"ש. יעדענס נדבה איז אויסנאם וויכטיג!

עס איז פארן יום טוב פסח, א יום טוב וואס איז משפיע פאר אידישע קינדער כל מילי דמיטב, און נישט וועניג אידן קוקן ארויס אויף די סגולה פון דעם יום טוב וואס ברענגט מיט זיך א שפע פון ישועות, רפואות וכל מילי דמיטב. ודבר בעתו מה טוב שוין איצט זיך צוצוגרייטן, זיך צו מאכן פאר א ״כלי״ כדי צו קענען מקבל זיין די געוואלדיגע השפעות וואס דער יום טוב איז משפיע. דורכן געבן די מינימאלע סומע פון $180 פארן קמחא דפסחא קאמפיין פון פון ״מוסדות יטב לב״ קויפט מען זיך איין די סגולה נפלאה פון ״אלקא דמאיר עננו״ וטובים השנים מן האחד, וועט דורך ״מוסדות יטב לב״ קענען מקבל זיין די געוואלדיגע השפעות וואס דער יום טוב איז משפיע.

פארפאסט נישט די געלעגנהייט!

ב"ה

# ויפקד מקום דו"ד

ביים שליסן דעם דאזיגן גליון ווערט פארענדיגט די שבעת ימי האבל נאך די פטירה
פון אונזער אומפארגעסליכער ידיד ודיד נפש כל חי, עסקן נמרץ לטובת הכלל והפרט

# מוה"ר דוד לייב גרינפעלד ז"ל



דאס פלאץ איז צו ענג און די שורות צו קורץ ארויסצוברענגען וויפיל מיר האבן במשך די יארן געוואסן פון ר' דוד לייב'ס עסקנות און נדיבות הלב. ווי א געטרייער סאלדאט פון מרנן רבוה"ק האט ר' דוד לייב ז"ל געהאט א ספעציעל אפן הארץ לטובת מוסדותינו הק' "יטב לב בארה"ק" און מיט א מסירות נאמנה האט ער איבערמידליך געארבעט פאר די הצלחה פון די פארשידענע אקציעס לטובת מוסדותינו הק.

## והיתה לו ולזרעו אחריו

ר' דוד לייב ז"ל האט איינגעפלאנצט דעם זעלבן דרך ביי זיך אין שטוב, וואס יבלחט"א זיינע חשוב'ע קינדער שיחיו שטייען שטענדיג גאר געטריי מיט עסקנות לטובת אונזערע מוסדות

**באזונדער איז ר' דוד לייב ז"ל געווען בייהילפיג פאר די חודש'ליכע אויסגאבע "בקודש חזיתיך" און האט בתשואת חן געעפענט זיין בארימטן "אוצר" פון דאקומענטן, צייטונגען און בילדער, פון וואס די לייענער האבן שוין פיל נהנה געווען, און וועלן נאך בעזהשי"ת נהנה זיין אינעם עתיד**

זאלן די אלע פעולות זיין א טובה פאר זיין אויסגעלייטערטע נשמה, וויושר יליץ בעדו בגן עדן העליון, ואלקא דמאיר יענה פאר די חשוב'ע קינדער שיחיו אז זיי זאלן קענען פארזעצן דעם דרך וואס זיי האבן געזען און געלערנט ביי זייער חשוב'ן טאטן ז"ל

**יהא זכרו ברוך**

רייכער אפהאנדלונג איבער

**"מעות ארץ ישראל" לצדקת**

# רבי מאיר בעל הנס



**אין פאריגן גליון זענען מיר געבליבן ביים דעם אז דער חיד"א האט מורא געהאט זיך צוריקערן קיין ארץ ישראל. ווייל ער האט געוואוסט אז דער רחמים כהן קען זיך אין אים נוקם זיין. איבערהויפט אז ער האט געהערט אז אסאך פון די תלמידי חכמים אין ירושלים זענען אנטלויפן פון דארט, צוליב מורא אז רחמים הכהן וועט נקמה נעמען אין זיין. דעריבער האט ער זיך בעזעצט אין מצרים און האט דארט געהאט א פירענדע טייל אין די קהילה.**

אבער דאס זיצן אין מצרים איז נישט געווען פארן חיד"א קיין געשעפט. ער איז געווען זייער אום-באקוועם. קודם כל ווייל ער איז געווען ווייט אוועק פון זיין סביבה, זיין משפחה און חברים. און סיי ווייל די דארטיגע אידן זענען אים נישט געווען צום הארצן.

פינף יאר איז דער חיד"א געווען אין מצרים, און ווען ער איז צוריק געקומען קיין ארץ ישראל, האט ער זיך באזעצט אין חברון. ווי עס זעהט אויס האט ער נאך אלץ מורא געהאט צוריק צו גיין קיין ירושלים. אין חברון האט ער אויפגעשטעלט א ישיבה מיט תלמידים, און ער האט זיך דארט באקענט מיט אסאך גדולי ישראל. דער חיד"א איז געווען אין חברון דריי יאר אין פיר חדשים, ביז מען האט אים נאכאמאל מכבד געווען ער זאל זיין די שליחא דרבנן און ארויספארן קיין חוץ לארץ שאפן געלד פאר ארימעלייט בני תורה אין ארץ ישראל.

דער חיד"א איז ארויס געפארן פון חברון, ראש חודש מרחשון שנת תקל"ג, אין דער באגלייטונג פון זיין משמש, ר' אברהם גבאי. זיי זענען געפארן קיין אלכסנדריא, עגיפטן, און געוואלט פון דארט נעמען א שיף וואס זאל זיי טראגן קין ליווארנע, איטאליע. אבער אזוי ווי אין יענער צייט איז אנגעגאנגען דארט א מלחמה, און אין די שיירה וואס איז געפארן מיט אים איז געווען א גרויסער שר וואס די קהילה פון חברון איז אים שולדיג געווען פינף טויזנט זהובים, האט דער חיד"א זייער מורא געהאט אז ער וועט אים צווינגען צו באצאלן דעם חוב – אויב ער וועט זיך דערוויסן ווער ער איז - דעריבער האט זיך דער חיד"א פרובירט אויסצובאהאלטן פון אים.

ווען עס איז געקומען פאר שבת האט די שיירא נישט געוואלט ווארטן אויף די אידן איבער שבת, זענען זיי געבליבן אליין, און די שיירא האט זיך געריקט וויטער. נאך שבת האט דער חיד"א מיט זיינע אידישע בייגלייטער זיך שטארק אונטערגעיאגט און האבן ענלדיך דערכאפט דעם שיירא.

זיי זענען געקומען קיין  עגיפטן און דארט זיך אויפגעהאלטן גאנצע זיבן חדשים, אין יענע צייט איז אויך רוסלאנד געווען פארמישט אין א קריג, און דער חיד"א האט מורא געהאט צו פארן אויפן ים, אפשר וועט מען אים חושד זיין אין זיין א שפיאן, ענדליך צוויי און צוואנציג טאג אין תמוז איז ער ארויסגעפארן פון אלכסנדריא מיט א שיף, און איז געקומען קיין טונזיע פאר ראש השנה.

און טוניזיע האט מען דעם חיד"א מכבד געווען ווי עס פאסט זיך, די ראשי קהילה האבן אים גערופן צו זייערע מלכות'דיגע הייזער, די תלמידי חכמים פון שטאט זענען אים געקומען באזוכן. ווען דער חיד"א האט געוואלט אוועק גיין פון דארט נאך סוכות, האבן אים די אידן פון טונזיע נישט געלאזט, אזוי ווייט אז זיי האבן געבעטן פונעם סולטאן ער זאל נישט געבן רשות פארן חיד"א אוועק גיין פון שטאט. די חכמים פון שטאט פלעגן קומען צום חיד"א און זיך מפלפל געווען מיט אים אין הלכה, זיי האבן אים געוואלט איבערקלוגן, אבער עס איז זיי נישט געלונגען דער חיד"א איז געווען מער חריף, מער גאון און בקי ווי זיי, און דערפאר האבן זיי מחשיב געווען דעם חיד"א, ער שרייבט מיט עניות: "עס איז וואונדערליך ווי די גאונים און חכמים וואס זענען גאר שארף קענען מיך נישט בייקומען, ואנכי רש ונקלה".

פון די אנדערע זייט איז אבער דער חיד"א נישט צופרידן געווען אין טונזיע, בטבע איז דער חיד"א געווען א גאר א ריינער און איידעלער מאן, און די מענטשן פון טונזיע זענען געווען פאר אים פארגרעבט און נישט איידל אבער דער חיד"א האט זיך מתגבר געווען אויף זיינע באדערפעניש און נישט געקוקט אויף די באקוועמעליכקייטן, נאר געקוקט דעם תכלית, און אזוי האט ער באוויזן צוזאמען נעמען צדקה פאר ארץ ישראל גאר א גרויסער סכום געלד, און זיי האבן זיך געזעגנט מיט אים מיט א הערליכן געזאנג, און פיר און צוואנציג טאג אין ניסן איז ער ארויס פון טונזיע. עס האבן אים בייגלייט פופצן מענטשן וואס האבן געשלעפט דעם וואגן אנשטאט פערד.

ער איז געקומען קיין ליווארנע, וואו ער האט זיך באזעצט און גענומען ארויסגעבן זיינע ספרים.

זכותו יגן עלינו. אמן

א ווארט פון

## אונזערע רבי'ס

**זיקוקין דנורא, קורצע און בליציגע ווערטער פון רבוה"ק**

איבערן חוב און זכות פון שטיצן מוסדותינו הק'

### די פושקע פון מוסדות יטב לב

א קלייניקייט האב איך געקלערט איך זאל דאס מזכיר זיין, עכ"פ אז **יעדער זאל האלטן א "פושקע" און מ'זאל עס באהאנדלען, מ'זאל וויסען ס'איז א דבר גדול, דאס איז פון די מקורות פון ארץ ישראל**, עכ"פ אזויפיל בין איך מעיר, דאס איז דאך נישט קיין שווערע זאך.

מ'העט געקענט אסאך ענינים אויפטוען אויף צו האלטן דעם חינוך, ביזדערווייל ס'איז דא יודן, די גרויסע שוועריקייטן וואס ס'איז דא דארטן, ס'איז א גרויסער שברי לב די געוואלדיגע נסיונות אין עניני חינוך, **אויף יעדן ליגט דער עול**... עכ"פ דאס איז דאך א קלייניקייט, דאס איז סיי ווי סיי, **זאל טאקע יעדער ארייננעמען א "פושקע" און מען זאל עס טאקע באהאנדלען ווי א דבר גדול, מ'זאל טאקע וויסן מ'דארף יעדער אין דעם טייל צו נעמען.**

(רבינו בעל דברי יואל זי"ע, פרשת תצא שנת תשט"ו לפ"ק במסיבת קבלת פנים בחזרתו מא"י)

### קיינער זאל זיך נישט ארויסדרייען

היות דער געוואלדיגער ענין איז מיר נוגע ביז די טיפעניש פון מיין הארץ, און זיי (די הנהלת המוסדות) ווענדן זיך צו מיר טעגליך אין זייער קלעם, און ווער קען זאגן אז ער האט שוין יוצא געווען און ער האט געטון אלעס וואס איז אין זיין מעגליכקייט צו טון, דערפאר האב איך פארגעשלאגן מיין בקשה פאר די בחורי הישיבות פון אלע אפטיילונגען מען זאל זיך משתדל זיין מיט די בעסטע כוחות עוסק צו זיין אין די גרויסע דבר מצוה אין די בין הזמנים טעג, כדי מען זאל קענען שיקן א סכום מסוים לכבוד די ימים טובים וואס קומען... און **אויף יעדן תלמיד ליגט א פליכט עוסק צו זיין אין די געוואלדיגע גרויסע מצוה, און בשום אופן זאל זיך קיינער נישט ארויסדרייען פון דעם חיוב, און מען זאל זיך אנשטרענגן צוזאמען צו נעמען לכה"פ הונדערט דאלער פאר אונזערע אנשי שלומינו עניי ארץ ישראל.**

(העתקה מתוך מכתב קודש מרבינו בעל ברך משה זי"ע בשנת תשנ"ד, לתלמידי הישיבות לקראת ימי בין הזמנים)










# ראשית ממלכתו

## עפיזאדן, שטריכן, היסטארישע געשעניש, ארום דעם התייסדות פון מוסדות יטב לב דסאטמאר

איידער מיר שרייבן ווייטער איבער דעם סכסוך וואס האט אויסגעבראכן איבער אויף וועמענס נאמען דער ביהמ״ד זאל זיין פארשריבן, וועלן מיר ברענגען נאך עטליכע אינטערעסאנטע פרטים וואס מ'האט אונז אנגעצייגט איבער די התחלת הבני' פונעם ביהמ״ד וואס דעם רבי'נס חסידים האבן אנגעהויבן בויען אין ירושלים.

זענענדיג ווי שטארק עס גייט דעם רבי'ן זי״ע בנפשו צו האבן א בנין ביהמ״ד אויף זיין אייגענעם נאמען אין ירושלים עיה״ק, און שפירענדיג דעם שטארקן נחיצות פון זיך ארגאנאזירן אין אן אייגן ווינקל - ווי שוין געשריבן אין די פריערדיגע קאפיטלען - האבן דעם רבי'נס חסידים זיך אריינגעלייגט בלב ונפש צוצואיילן דאס אויפבויען דעם נייעם בנין אויף איינס פון די דעכער פון די ירושלים'ער הייזער.

מ'האט טאקע געהאט באקומען די ״דריי הונדערט פונט״ וואס דער רבי זי״ע האט איבערגעגעבן, און נאך געלט פון א נדבן, אבער ס'איז ווייט נישט גענוג געווען און מ'האט זיך שטארק געפלאגט פינאנציעל אויפצובויען דעם ביהמ״ד. איז דאן אויפגעקומען א פלאן דורך עטליכע חסידים פון רבי'ן זי״ע, אז מען זאל נוצן די מאטריאל וואס איז פארבליבן פונעם ביהמ״ד ״אוהל יצחק״ אין אלט-שטאט ירושלים.

### דאס ביהמ״ד ״אוהל יצחק״

דער ביהמ״ד ״אוהל יצחק״ איז געבויט געווארן דורך דעם בארימטן נגיד וטפסר ר' יצחק ראצעסדארפער ז״ל פון אנטווערפן. ער האט דאס געבויט אין אלט שטאט פאר ״כולל שומרי החומות״ פאר אונגארישע אידן וואס האבן זיך באזעצט אין ירושלים עיה״ק. די מתפללים אין דעם ביהמ״ד זענען אלע געווען געהויבענע אידן בני עלי', צווישן זיי עטליכע תלמידים וחסידים פון רבי'ן זי״ע איבער וועמען עס וועט נאך שפעטער אויסקומען צו שרייבן, זייענדיג צווישן די מייסדים פונעם רבי'נס ביהמ״ד און קהלה אין ירושלים.

בשנת תרפ״ב האבן די מתפללים אין דעם ביהמ״ד אראפגעשטעלט פעסטע יסודות'דיגע תקנות וואס איז



ר' יצחק ראצעסדארפער ז״ל

נתאשר געווארן דורך הגה״ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ״ל גאבד״ד ירושלים. בשנת תר״ץ ווען הגה״ק בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זצ״ל האט באזוכט אין ירושלים האט ער צוגעשריבן עטליכע דברי חיזוק בשבח פון די תקנות.

בשנת תרפ״ט האבן די אראבער ליידער דורכגעפירט אין ירושלים און אין נאך מקומות די טרויעריג-בארימטע ״פאגראמען״ קעגן אידן אלס נקמה פון די אקציעס וואס די רשעי הציונים ימ״ש האבן אין די יארן פריער דורכגעפירט, ענג צו מאכן דאס פלאץ פאר די אראבער אין ירושלים. ליידער האבן די פאגראמען צוגעבראכט אז הרה״ח ר' ראובן קלאפהאלץ ז״ל הי״ד וועלכע האט געוואוינט אין אלט-שטאט, איז ל״ע אומגעברענגט געווארן דורך די אראבער. די מתפללים האבן דאן געזען אז מ'קען מער נישט בלייבן דאווענען אין דעם ביהמ״ד, און דער ביהמ״ד איז זינט דאן געבליבן פוסט און ליידיג. נאך א שטיק צייט איז דער ביהמ״ד אוהל יצחק זעלבסט ליידער וואנדאלאזירט געווארן דורך די אראבאישע שכנים.

### דער פסק דין פון ירושלים'ער רב זצ״ל

א גרויס חלק פון די ביז דעמאלסדיגע מתפללים אין ביהמ״ד אוהל יצחק, האבן זיך דאן קובע מקום געווען אין ביהמ״ד חסידים אין די בתי אונגארן פון כולל שומרי החומות. דער ביהמ״ד איז אבער געווען צו קליין, דעריבער האבן טייל זיך קובע מקום געווען צו דאווענען אין ביהמ״ד ״קהל יראים אנשי מאמאראש״ אין די בתי מילנער, וואס איז - ווי שוין דערמאנט - געווען איינגעשריבן אויפן נאמען פון הגה״ק בעל אהבת ישראל מוויזניץ זצ״ל.

די ביז דעמאלסדיגע מתפללים אין ביהמ״ד ״אוהל יצחק״ וואס זענען ביז דאן געווען צוגעוואוינט אז מען האט זיך געהאלטן צו די שטארקע תקנות וואס איז אראפגעשטעלט געווארן בשנת תרפ״ב, האבן איצט ווייטער געוואלט זיך האלטן צו די תקנות, א זאך צו וואס מ'האט זיך אבער נישט געקענט צופאסן צוליב דעם וואס דער ביהמ״ד איז נישט געווען אויף זייער נאמען, און דאס האט - ווי דערמאנט - צוגעברענגט פארשידענע סכסוכים צוליב וועלכע זיי האבן געזוכט זיך אפצוטיילן און עפענען א ביהמ״ד פאר זיך.



דער וואנדאלאזירטער ביהמ״ד אוהל יצחק

ביוזמתו פון רבי׳ן זי״ע האט מען אנגעהויבן צו בויען דעם נייעם ביהמ״ד וואס דער רבי זי״ע האט געלאזט אויפבויען מיט א תנאי אז עס זאל זיין פארשריבן אויף זיין נאמען, וואס דער ציל דערפון איז געווען כדי צו קענען אראפשטעלן פעסטע יסודות לויט זיינע הדרכות און אנווייזונגען.

אצינד ווען מען האט אנגעהויבן בויען דעם רבי׳נס ביהמ״ד איז אויפגעקומען דער פלאן צו נעמען די מאטריאל פונעם ביהמ״ד אוהל יצחק, וואס איז דאן שוין נישט באנוצט געווארן, און מיט דעם בויען דעם רבי׳נס ביהמ״ד. למעשה האט זיך געמאכט א שאלה צו מען מעג צעווארפן און ארויסנעמען חלקים פון דעם בנין, וואס איז א שאלה פון ״סתירת ביהכ״נ״.

אין ספר ״משנת יוסף״ אויף הלכות בית הכנסת פון הגאון רבי יוסף ליבערמאן שליט״א ראה״כ כולל שומרי החומות (סימן ו׳ הג״ה אות י״ב) שרייבט ער בזה״ל: ״עובדא ידענא פון א מעשה רב וואס מען האט געטון לויט די הוראה פון הגה״ק מהרי״ץ דושינסקיא ז״ל גאב״ד פעיה״ק ירושלים ת״ו, ביים ביהמ״ד ״אהל יצחק״ אין אלט-שטאט ירושלים ת״ו, וואס מען האט דארט אויפגעהערט צו דאווענען צוליב די פאגראמען פון די אראבערס, און אידן האבן מער נישט געוואוינט אין די געגענט. האט דער ירושלימער רב זצ״ל מתיר געווען ארויסצונעמען פון דעם ביהמ״ד דעם האלצענעם ארון הקודש וואס איז געווען אריינגעבויט אין די וואנט דארט, און די פענסטער און האלצענע טירן און די באלאטעס (די טיילס) און פורהענגלעך, און עס אריבערברענגען און אריינבויען אינעם ביהמ״ד ״קהל יראים״ אין די מאה שערים געגענט וואס מ׳האט דעמאלט געבויט, און מ׳האט נישט געהאט קיין געלט דאס צו ענדיגן. ע״כ

ביי אנדערע געלעגענהייט האט הגר״י ליבערמאן שליט״א דערציילט וואס ער האט געהערט פון הגה״ק מהרי״ם דושינסקיא זצ״ל גאב״ד ירושלים, אז מען האט דאן אנגעפרעגט ביי זיין פאטער הגה״ק מהרי״ץ זצ״ל צו מ׳מעג נעמען די חפצים פון ביהמ״ד אוהל יצחק. האט דער ירושלים׳ער רב זצ״ל זיי געענטפערט אז איידער ער ענטפערט וויל ער קודם אליינס זען דעם ביהמ״ד ״אוהל יצחק״ אין אלט-שטאט. דער ירושלים׳ער רב האט געהאט א מנהג אז יעדן ערב ראש חודש איז ער געפארן צום כותל מערבי. יענעם ערב ראש חודש נאך וואס מ׳האט אים פארגעלייגט די שאלה, האט ער געזאגט ער וויל גיין צופיס צום כותל מערבי, כדי דורכצוגיין און זען דעם ביהמ״ד אין אלט-שטאט. נאכדעם וואס דער ירושלים׳ער רב זצ״ל האט געזען דעם ביהמ״ד האט ער גע׳פסקענט אז מ׳קען נעמען אלע חפצים פון דעם ביהמ״ד.

## כותלי ביהמ״ד יוכיחו

דעם רבי׳נס חסידים האבן זיך גלייך אריינגעלייגט אין די ארבעט, און האבן אנגעהויבן אריבערצוברענגען פארשידענע חפצים פון יענעם ביהמ״ד וואס איז געווען נוצבאר פאר נייעם ביהמ״ד. טראץ דעם פחד וואס האט געהערשט צו גיין אין אלט-שטאט צוליב דעם טעראר פון די אראבער, וועלכע פלעגן זיך צעווילדעווען ווען זיי האבן באגעגנט א איד, האבן עטליכע פון די מתפללים, ובפרט הרה״ח ר׳ משה האלצמאן ז״ל זיך אנגעגארעלט מיט קוראדזש און עטליכע נעכט זענען זיי באישון לילה אריבערגעגאנגען צום ביהמ״ד אוהל יצחק, פון וואו זיי האבן ביסלעכווייז אריבערגעבערענגט פארשידענע חפצים פון יענעם ביהמ״ד.

אזוי האט מען טאקע געבויט דעם ביהמ״ד בדמים תרתי משמע. נאר דעם פייער וואס דעם רבי׳נס חסידים האבן געהאט אויסצופירן רצון קדשו פון רבי׳ן זי״ע צו האבן אן אייגן ווינקל אין ירושלים האט זיי צוגעבערענגט אריינצולייגן אזעלכע איבערמידליכע כוחות אליינס צו בויען דעם ביהמ״ד. צוליב מאנגל אין געלט האט מען נישט אויפגענומען קיין אינזשענירן און ארכיטעקטער צו בויען דעם בנין, נאר דעם רבי׳נס חסידים און די אנדערע חסידישע אידן וואס האבן געפלאנט זיך קובע מקום צו זיין אין דעם ביהמ״ד האבן דאס געבויט מיט די אייגענע הענט.

טאקע צוליב דעם ווייל מ׳האט גענומען די חפצים פון אלטן ביהמ״ד, האט מען נישט געבויט דעם בנין לויטן געווענליכן שטייגער. געווענליך אז מען בויט א בנין בויט מען קודם די ציגל ארום און מ׳לאזט איבער א ליידיג ארט אינמיטן די וואנט וואו מען לייגט שפעטער אריין די פענסטער. דאס איז ״בדאיכא״... ביי דעם פאל האט מען דאך אבער קודם געהאט די פענסטער, און מ׳האט געוואלט זיכער מאכן אז די פענסטער זענען צוגעפאסט פאר דעם בנין, האט מען דעריבער קודם אויפגעשטעלט די פענסטער, און ארום דעם האט מען געבויט די ציגל וואס מען האט שפעטער איינגעקויפט.

אזוי איז די בוי-ארבעט אנגעגאנגען אין פולן טעמפא פאר עטליכע חדשים, און דעם רבי׳נס חסידים האבן שוין קוים ארויסגעקוקט צו קענען באנייען דעם ביהמ״ד, אבער... עס איז דערווייל נאכנישט באשערט געווארן.

## פרישע סכסוכים

ווי דערמאנט האט דער רבי זי״ע געשטעלט א תנאי קודם למעשה, אז דער ביהמ״ד זאל זיין איינטאלבירט אויף זיין נאמען. ווידער דער אייגענטומער פונעם הויז האט געהאט בדעה אז א חלק פון דעם סכום וואס ער האט אריינגעלייגט פון זיין פארמעגן אין דעם בנין, וועט פארבלייבן אלס נדבה, און צוליב דעם האט ער געוואלט אז דאס ביהמ״ד זאל אויך אנגערופן ווערן מיטן נאמען ״בית בילא״ אויפן נאמען פון זיין שוויגער. דאס האט שוין צוגעברענגט א סכסוך צווישן רבי׳נס מענטשן וועלכע האבן געזוכט זיך צו האלטן צום רבי׳נס פארשריפטן אז עס זאל זיין דייקא אויף זיין נאמען.

דערצו זענען אויך געווען געציילטע אידן וועמען עס האט נישט אזוי אזוי געשמעקט די גאר שטרענגע תקנות וואס דער רבי האט געוואלט אוועקשטעלן אין דעם ביהמ״ד, און דעריבער האבן זיי אצינד זיך אויך צוגעשטעלט צו די זייט פונעם נדבן, און זיי האבן פארפירט אז דער ביהמ״ד זאל נישט זיין איבערגשריבן נאר אויפן רבי׳נס נאמען. זיי האבן פארשטאנען אז מיט דעם וואס דער ביהמ״ד וועט זיין נאר אויפן רבי׳נס נאמען, וועט דער רבי האבן די אויסשליסליכע אויטאריטעט אויפן ביהמ״ד, און זיי וועלן זיין געצוואונגען זיך צוצופאסן צו אלע תקנות פון רבי׳ן זי״ע, דעריבער האבן זיי געקענט באשטיין אז אויך דער נדבן זאל זיין א שותף אינעם ביהמ״ד.

אום זומער פון יאר תרצ״ג, בערך א יאר נאכן רבי׳נס באזוך אין ארה״ק, איז דער בנין שוין געשטאנען, און כדי צו קענען פארזעצן מיט די בוי-ארבעט, האט מען שוין געדארפט צוקומען אז דער רבי זאל אונטערשרייבן פארשידענע דאקומענטן, וואס זאל באפולמעכטיגן אז מ׳קען ווייטער בויען. די ירושלים׳ער אידן האבן דאן מודיע געווען פארן רבי׳ן אין א בריוו, אז דער בנין האלט ביים פארטיג ווערן און אין די נאנטע חדשים וועט מען קענען פראווען דעם חנוכת הבית, און זיי האפן אז דער רבי וועט ערשיינען און זיך משתתף זיין מיט זייער שמחה.

גלייכצייטיג האבן זיי אים געשיקט די אלע פאפירן מיט אלע דעטאלן און פרטים וואס איז בנוגע דעם בעלות פונעם בנין הביהמ״ד, און דעם נוסח פונעם פולמאכט פונעם בנין אז דער רבי זאל אויף דעם חתמ׳ענען און זיי צוריק שיקן דעם בריוו ווי אמשנעלסטן.

פארשטייט זיך אז פארן רבי׳ן האט מען גארנישט געשריבן אז דער בנין וועט נישט זיין גענצליך אויף זיין נאמען, ווייסענדיג אז דער רבי וועט זיך שארף קעגנשטעלן דערויף. אין דעם בריוו האט מען דעריבער געשריבן פארשידענע געקונצעלטע לשונות, בלישנא דמשתמע לתרי אנפין, וואס זיי האבן זיך איינגערעדט אז דער רבי וועט נישט כאפן וואס עס שפילט זיך דא אפ.

ווי נאר דער בריוו איז אנגעקומען און דער רבי האט געזען דעם נוסח פונעם אפמאך, האט דאס דעם רבי׳ן זי״ע געשאפן א שטארקן עגמת נפש זעענדיג ווי עס איז אינגאנצן פארדרייט געווארן דער קלארער אפמאך וואס ער האט זיך אויסגענומען, און אז דער ביהמ״ד איז איינגעשריבן אינעם ״גרונג בוך״ אויף א צווייטענס נאמען.

דער רבי האט דערויף געענטפערט מיט גאר א שארפן בריו וואס איז געדרוקט אין דברי יואל מכתבים ח״ב מכתב ד׳, וועלכע לייגט זיך ווי פאלגענד:

**ב״ה אל כבוד ידידיי היקרים והנחמדים יראים ושלמים ת״ח מופלגים בתו״י, יקירי ירושלים החשובים ה״ה מנהלי הביהמ״ד יצ״ו, כולם יתברכו ויזכו לשנה טובה מבורכת בארץ החיים.**

**אחדשת״ה, מכתבכם הגיעני, גם נוסח כח הרשאה, ונשתוממתי על המראה הלא נוסח הזה אינו כלל באופן שהי׳ המדובר ע״ע (עד עתה), כי הי׳ המדובר שיהי׳ הביהמ״ד איינטאבליערט (בהגרונג בוך) על שמי, כאשר בארתי טעמי ונימוקי ע״ז בהיותי שמה בארה״ק ת״ו, עבור תקנת והנהגת הביהמ״ד, כי מי יודע מה יולד יום שלא יארע ח״ו כאשר קרה ביהמ״ד שהתפללו כבר והכרחו לצאת משם, וכן כתבתם במכתבכם הקדום שיהי׳ בהטאבו על שמי, ואך עבור חשש הפסד המעות אין מועיל מה שהביהמ״ד הוא על שם אם יש עליו חוב של חמש מאות פונד כאשר בארתי במכתבי הקודם, וע״ז כתבתי שיהי׳ איינטאבילערט השלש מאות פונד איז**

# כתוב ירושלים

נייעס און אנטוויקלונגען פון אונזער ירושלימ'ער מוסדות


להרבי החשוב שליט"א

ארגינעלער מכתב בשבח מוסדותינו הק' געשריבן דורך הגאון הצדיק המשפיע רבי צבי מאיר זילבערבערג שליט"א צו איידע פון א תלמיד אין די מוסדות

## מסכתות משניות אויף משלוח מנות!

א שייער טייל פון די הורי תלמידי המוסדות אין ירושלים, זענען פארגאנגעם פורים איבערראשט געווארן צו באקומען די הערליכע משלוח מנות פון זייערע קינדער, די תעודות פון "אכט מסכתות" משניות וואס זיי האבן געלאזט פאראהערן!. מטעם ההנהלה איז מיט א צייט צוריק איינגעפירט געווארן די "חברה משניות" דורך וועלכע מען מוטיגט די קינדער צו חזר'ן מסכתות משניות וואס מען האט שוין געלערנט ביז היינט. פאר יעדע מסכת וואס א קינד פארהערט זיך, באקומט מען א שיינע תעודה. א גרופע תלמידים האבן פאר פורים ספעציעל זיך געשטעלט צום פאראהער אויף "אלע" אכט מסכתות משניות וואס זיי האבן שוין געלערנט ביז היינט, און זייערע עלטערן האבן געקוואלן פאר פרייד, באקומענדיג אויף משלוח מנות אלע אכט תעודות אויפאמאל.

## פרחי העסקנים אין ירושלים

אין די צייט וואס די "פרחי העסקנים" אין ניו יארק האבן עולה געווען על שולחן מלכים ביים שולחן הטהור פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א ביום שושן פורים, זענען די "פרחי העסקנים" תלמידי מוסדותינו אין ירושלים עיה"ק ארומגעגאנגען ביום הפורים נאך געלט מיט די "רבי מאיר בעל הנס בייטלעך" פון די מוסדות, און האבן באוויזן אריינצוברענגען א שיינעם סכום פאר די קאסע פון די מ וסדות.

## אבות ובנים אום פורים

אריינקומענדיג פארגאנגענעם מאנטאג, פורים דפרזים אינדערפרי אין היכל בית מדרשינו "ברך משה" אין ירושלים, האט זיך אנטפלעקט אן ערהאבן בילד צו זען ווי די פילע תלמידי מוסדותינו הק' נוצן אויס דעם געהויבענעם זמן "בין קריאה לקריאה" צווישן קריאת המגילה פון ביינאכט און בייטאג, זיך משתתף צו זיין ביי די לימודים פון "ישבת מרדכי הצדיק" און האבן געלערנט מיט די עלטערן א לענגערע וויילע ביז צום דאווענען.

ביי די לימודים האט זיך אויך באטייליגט הגאון הצדיק הדומ"ץ שליט"א, און מ'האט פארטיילט פרסים פאר די קינדער. שפעטער ביים גרויסן "משתה היין" אין היכל ביהמ"ד האט דער דיין שליט"א ארויסגעברענגט רגשי לבבו נאכן מיטהאלטן דעם געהויבענעם מעמד, וואס האט זיכער פיל צוגעגעבן צום התעוררות וואס האט געהערשט ביים דאווענען אין ביהמ"ד.

# עמוד התווך

פעולות און אקטיוויטעטן אין אויסלאנד למען קיום המוסדות

## נישט פארגעסן: אויסליידיגן רמבעה"ן פושקעס

מ'האלט שוין "מברכין ניסן" און ס'איז א דבר בעתו צו געבן א דערמאנונג אויף דעם אור-אלטן מנהג ישראל וואס מ'האט זיך געפירט אין אלע דורות, אז פארן יום טוב פסח האט מען אויסגעליידיגט די "רבי מאיר בעל הנס פושקעס".

מטעם הנהלת מוסדותינו הק' זענען די "פושקע גבאים" אין אלע געגענטער גרייט ארומצוגיין אין די הייזער אויסצוליידיגן די הייליגע "יטב לב פושקע" וואס איז שטארק אנגענומען ביי אנ"ש תלמידי וחסידי סאטמאר אלס די "רבי מאיר בעל הנס פושקע". די א גאנץ-יעריגע פושקע גבאים שטייען אציגד ספעציעל גרייט, און ארבעטן העפטיג נאכצוקומען דעם גרויסן פארלאנג פון פילע אנ"ש צו וועמען זיי ווערן גערופן אז מען זאל ביי זיי אויסליידיגן די פושקע. לייגט עס נישט אפ אויף מארגן, רופט נאך היינט!

## פרחי העסקנים אויפן טיש

צום איבערראשונג פונעם ציבור אנ"ש פון אומעטום, איז די יערליכע "אבני חסד אקציע" אויפן שולחן הטהור פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א ביום שושן פורים, דאס יאר דורכגעפירט געווארן דורך א קבוצה פון איבער הונדערט תשב"ר, וועלכע האבן די זכי' צו דינען אלס "פרחי העסקנים פון אונזערע הייליגע מוסדות "יטב לב בארה"ק". יאר-יערליך איז רבינו שליט"א מכבד אנדערע אישי הציבור ונשיאי פנים ארומצוגיין אויפן טיש אפצוזעמלען די נדבות פונעם ציבור. היי-יאר האט דער רבי שליט"א ערווענט אז "מצוה גוררת מצוה" און דעריבער וויל ער מכבד זיין די תשב"ר וואס גייען יעדן פרייטאג מיט די יטב לב פושקעס ביי די הייזער, אז זיי זאלן אציגד אויך דורכפירן די אבני חסד אקציע.

עס איז געווען א מחזה הוד מיטצוהאלטן ווי די טייערע תשב"ר מארשירן ארויף אויפן טיש אנגעטון אין די פראכטפולע יטב לב-אבני חסד מונדירן, און אין באגלייטונג פון די עסקני מוסדותינו הק', קריכן זיי אויף טישן און בענק, אפצוזעמלען די נדבות פונעם ציבור. אויך ווען מען האט צום צווייטן מאל דורכגעפירט די אקציע, נאכדעם וואס דער חשוב'ער נדבן הר"ר שלמה קלאגסברון הי"ו האט אויפן ארט צוגעזאגט צו טאפלען יעדע נתינה, האבן די פרחי העסקנים ענערגיש גע'עסקנ'ט ארומצוגיין נאכאמאל נאך געלט. די פרחי העסקנים האבן דערנאך באקומען "פורים געלט" פון מרן רבינו שליט"א, לאות הכרת הטוב פאר זייער עסקנות לטובת מוסדותינו הק' און פאר קופת אבני חסד.

## תלמידי הישיבות גרייטן זיך צום "בין הזמנים קאמפיין"

שטייענדיג בלויז געציילטע טעג פאר חודש ניסן הבעל"ט, ווערט אציגד פריש-איינגעפעדימט דער "בין הזמנים קאמפיין" וואס איז אייגנטליך איינגעפירט געווארן דורך מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, אז די תלמידי הישיבות זאלן אויסנוצן די צייט פון "בין הזמנים" ארומצוגיין שאפן א סכום קצוב פאר אונזערע הייליגע "מוסדות יטב לב". דער רבי זצ"ל האט געהאלטן אז עס ליגט א פליכט אויף די בחורי חמד צו שאפן געלט פאר מוסדות יטב לב, און דורכדעם צו נעמען א חלק אין די מלחמה לה' בעמלק קעגן ציונות ואבוזרייהו.

אין א בחינה פון "חזרום ויסדום" איז דער קאמפיין צוריק איינגעפעדימט געווארן פארגאנגענעם בין הזמנים, ווען אויפן רוף פון די הנהלת מוסדותינו הק' האבן פילצאליגע בחורים אויסגענוצט די צייט ארומצוגיין שאפן געלט פאר אונזערע מוסדות. אציגד ווען מען גרייט זיך ווייטער צום "בין הזמנים" קוקט די הנהלת המוסדות שטארק ארויס אז די בחורים זאלן פארזעצן דעם אונטערנעמונג, וקנאת סופרים תרבה חכמה זאלן זיך שאפן נאך און נאך בחורים וואס זאלן אויספירן רצון קדשם פון רבוה"ק ארומצוגיין שאפן געלט פאר מוסדות יטב לב בארה"ק, דערמיט זיך איינצוקויפן זכותים עצומים לחצלחה בכל ענינים.

# ומציון יסעדך

נייעסן און אנטוויקלונגען פון אונזערע בני ברק'ער מוסדות

## תלמידי ישיבה קטנה כאפן זיך מיט מיטן רבי'ן

די תלמידי ישיבה קטנה שע"י מוסדותינו הק' אין בני ברק, האבן ארויסגענומען די ריכטיגע הדרכה פונעם בלויז "קורצער" באזוך וואס מרן רבינו הגה"ק שליט"א האט אפגעשטאט ביי זיי פארגאנגענעם זונטאג פרשת תצוה העעל"ט, אויסנוצענדיג דעם לימוד דערפון אויף הלכה למעשה.

נאך אין עיר האבות סיגוט, בעת עס איז באשלאסן געווארן אז רבינו שליט"א וועט אונטערנעמען דעם באזוך קיין ארה"ק האט הגה"צ ראש ישיבתינו הק' שליט"א אין בני ברק, מציע געווען פארן רבי'ן שליט"א, אז אפשר זאל מען שוין פארבלייבן אביסל לענגער, כדי מחזק צו זיין דעם ציבור אנ"ש. מני' ובי' האט רבינו שליט"א משיב געווען "ס'איז די לעצטע וואך שובבי"ם ת"ת, איך דארף די צייט פאר מיר אליינס".

מער האט נישט אויסגעפעלט. די געציילטע אבער אזוי פיל-זאגענדע ווערטער האט שוין אלעס געזאגט פאר די תלמידי הישיבה קטנה, און די בחורים האבן באשלאסן מקיים צו זיין דעם "ולדבקה בו, הדבק בתלמידי חכמים" דורכן גיין בדרכיו פון רבינו שליט"א, צו פראווען א גאר געהויבענע "שבוע אחרונה" מימי השובבי"ם ת"ת.

דער געוועונליכער סדר פון שעות רצופות בשבועות השובבי"ם יעדן דאנערשטאג האט זיך אויסגעברייטערט אויף א גאנצע וואך. און טאג טעגליך פון פרשת תצוה, האבן די בחורים געלערנט פינף שעה רצופות, וואס האט אפגעדינערט אויף ווייט אוועק. מאנטאג פארמיטאג האבן די בחורים געהערט א פייערדיגע דרשה פון הגה"צ ראש ישיבתינו הק' שליט"א וועלכער האט אויפגעפלאמט די הערצער, און דערויף האט נאכגעפאלגט א "רצופות וואך" וואס איז בלי ספק געווען "א וואך צום געדענקען!".

## ערשטער הצלחה'דיגער אסיפת מלמדים

אין אן ערשט-מאליגע געלעגנהייט, זענען די עטליכע מניינים מלמדי תשב"ר פון מוסדותינו הק' אין בני ברק זיך צונויפגעקומען אויף א וויכטיגע "אסיפת חיזוק" וואס איז אפגעראכטן געווארן בשעת מלוה מלכה פון פארגאנגענעם מוצש"ק תצוה, אויפן שטייגער פון די אסיפות מלמדים וואס זענען די לעצטע צייט אפגעראכטן געווארן אין ניו יארק בראשות מרן רבינו הגה"ק שליט"א. ביי די מלוה מלכה האבן די מלמדים גייסטרייך פארברענגט, און דערביי געהערט די ווארימע דרשה פון הגה"צ ראש ישיבתינו שליט"א וועלכער האט ארויסגעברענגט דעם גרויסן זכות פון מחנך זיין תשב"ר, ולפום צערא אגרא, איז דער זכות פיל גרעסער אצינד ווען מען פלאגט זיך ליידער אזוי שטארק, און מ'קען נישט צאלן באצייטענס. נאך די ווארימע דברי חיזוק האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט שטארקע דברי הדרכה פון וואס די מלמדים האבן געשעפט הויפענס מיט הדרכות ישרות בעת עבודת הקודש.

## דירה אין שיכון אפגעדינגען ביי חתונה כפי פסק הרבנים

פאר דיינא בי דינא רבא פון הגאון האדיר מרן בעל שבט הלוי שליט"א, האט א חשוב'ער מחותן פארגעשטעלט א הארבע שאלה. נעמליך ער מאכט חתונה אינעם "התמר זאל" וועמענס פארדינסטן עס ווערט שוין אזוי לאנג אפגעהאלטן שלא ביושר פון די פאר וועמען עס קומט זיך ארגינעל, די חשוב'ע מלמדים תשב"ר פון מוסדותינו הק'. איז דאס אויסגעהאלטן צו נישט? דער קלארער פסק איז געווען, אז יא, עס איז דא אן ערנסטע שאלה אויפן יחוד - וואס איז א חלק פון די קידושין - אין אזא פלאץ. דער מחותן האט זיך נישט געוואלט אריינלאזן אין קיין שאלות, און האט דעריבער אפגעדינגען בכסף מלא א דירה קעגן איבער דעם זאל, וואס דארט איז פארגעקומען דער יחוד נאך די חופה, כדי צו זיין זיכער אז אלעס איז כדת וכדין.

## המשך ראשית ממלכתו

הביהמ"ד על שם א' מבאי כחי קודם להחמשה מאות פונד של כבוד ידידינו .... נ"י, אבל לא עלה על דעתי שום שינוי ממה שהי' על עיקר הבנין על שמי, ובנוסח כח ההרשאה שקבלתי כעת נכתב שיהי' המעות על נכסי הר... נ"י, ואנני מבין כלל מה לנו ולנכסי הר ... נ"י, כיון שכל עסקנו אינו אלא שיהי' נכתב בספר המחוזות על שמי, ואותן השלש מאות פונד יהי' על בטוחים על הביהמ"ד על שם אחד מב"כ. גם שארי הענינים שלא הבנתי בהלשונות של אותו כח הרשאה, ובאמת אין אנו רגילים באותו לשון הנצמח מהציונים האפיקורסים ולשונותיהם החדש, וכתבתי במכתבי הקודם כי אין צריכין לכח הרשאה, ואפשר לעשות הכל מפה גם בלא זה, שיהי' כפי חוקי הממשלה בכל אופן ואופן, וידידינו הר' יוסף פריינד נ"י יציע לפניכם סדר הדברים לעשות מפה מטעם הממשלה, ובזה יהי' הכל בסדר מתוקן, ומחמת נחיצת הענין לא אוכל להאריך כעת יותר במכתב, ואי"ה אכתוב לכם עוד ביתר פרטי הדברים והתקנות.

והשי"ת יהי' בעוזריכם שתזכו לכוח"ט בספרן של צדיקים גמורים, ולשנה טובה ומבורכת לעבוד השי"ת בעיר ה' שמה בנחת והרחבת הלב ובמהרה נזכה לגאולה כללית לראות בשמחת ירושלים ובבנינה.

א"ד ידידכם דושת"ה באה"ר ומצפה לישועה חתי"ק

מ'זעט אויך פון דעם בריוו וואס דער רבי האט געשריבן, אז אינעם בריוו וואס דער רבי האט געהאט באקומען אז זי האבן אריינגעשריבן פארן רבי'ן עטליכע זאצן אויך אויף די העברעאישע שפראך, (ווי דער רבי דרוקט זיך אויס אין דעם בריוו: גם שארי הענינים שלא הבנתי בהלשונות של אותו כח הרשאה, ובאמת אין אנו רגילים באותו לשון הנצמח מהציונים האפיקורסים ולשונותיהם החדש...) וואס דאס איז נישט געשריבן געווארן אזוי בטעות אדער בשוגג, נאר דירעקט האבן זיי דאס אזוי געשריבן, כדי דער זאל נישט פארשטיין זייערע פונקטליכע כוונות, און אזוי וועלן זיי קענען באקומען דעם בעלות אויף דעם בנין. אבער דער רבי האט גענוי פארשטאנען וואס זיי מיינען אלס מרמז צו זיין אינעם בריוו, און דעריבער האט דער רבי זיי אזוי שארף אפגעענטפערט.

ווער איז ר' יוסף פריינד? דער רבי שרייבט א צווייטן בריוו, מ'לאזט למעשה איבער דעם בנין, און נאך פילע אינטערעסאנטע פרטים ליינט אין די קומענדיגע אויסגאבע אי"ה.

## המשך בדידי הוה עובדא

געווען איז עס אינמיטן די ימי חול המועד, ווען מיר האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט, און מיר זענען געפארן באזוכן אונזערס אן עלטערער קרוב וועלכער האט זיך מחי' געווען מיט דעם באזוך. אינמיטן וועג זענען מיר שאקירט געווארן, ווען מיר זענען "שיעור" פארמישט געווארן אין א שווערן עקסידענט. איך וויל אפילו נישט טראכטן, וואס עס וואלט געקענט פאסירן ווען דער עקסידענט פאסירט ח"ו יא...

אלעופאלס, גלייך ווען מיר זענען אנגעקומען אהיים, האט מיין יונגער בר מצוה בחור ארויסגענומען דאס געלט וואס ער האט פארדינט ביי די בר מצוה, ער ציילט עס אפ, און געט מיר די "מעשר" דערפון, אז איך זאל עס געבן פאר יטב לב. ער זאגט מיר, אז גלייך ווי מיר זענען אריינגעפאלן אין פאניק צוליב דעם שיעור-געשעעניש עקסידענט, האט ער באשלאסן ביי זיך צו געבן די מעשר פאר יטב לב. ער דערציילט מיר אז ער לייגט יעדן חודש די מעשיות וואס ערשיינען אינעם "בדידי" אפטיילונג פון "בקודש חזיתיך" און דאס איז אים פונקט גענוג געווען אלס דערמאנונג וואס מען דארף טון אין אזא קריטישע צייט.

ב"ה אז איך קען דאס דערציילן אין פריידן, און מיר זענען ארויס בשלום פון דעם שווערן דורכגאנג, ובזכות אלקא דמאיר זענען מיר ניצל געווארן אויף אזא וואונדערליכן פארנעם.

ביטע שיקט א רעסיט אויסגעשטעלט אויף מיין זון ... נ"יס נאמען. ס'איז זיין געלט, און ווי עס קוקט אויס וועט איר נאך פיל געניסן פון זיינע נדבות....

הכו"ח מ. י. ש.

# בדידי הוה עובדא

בריוו פון לייענער

## ר׳ מאיר פערל איבערראשט

ידידיי היקרים חברי הנהלת מוסדות יטב לב בארה״ק

אויב קענט איר טרעפן א לשון רבים אויפן ווארט ״בדידי״ קענט איר דארט אריינשטעלן די פאלגענדע מעשה, וואס מיר ביידע, אני הקטן און איר מוסדות יטב לב, זענען וואונדערליך געהאלפן געווארן דורך... מוסדות יטב לב!.

ווען איך האב נעכטן געהערט דעם ״איבערראשונג״ פון ידידי הרה״ח ר׳ מאיר פערל הי״ו מנכ״ל המוסדות, האב איך געמוזט דערגיין פארוואס ער איז אזוי איבערראשט געווארן, והכי הוה עובדא.

א שיינעם אינדערפרי באקום איך א טעלפאן רוף-פון ר׳ מאיר׳ן. איך האב מיך שוין פארגעשטעלט אז ער רופט זיכער צו שאפן געלט פאר מוסדות יטב לב, א געוועהנליכע ערשיינונג ביי ר׳ מאיר׳ן... אבער פלוצים ווען דער סעלפאן האלט נאך אינמיטן קלונגען (דריזלען...) האב איך מיך דערמאנט. איך הייב אויף דעם סעלפאן און איך זאג גלייך פארן ר׳ מאיר׳ן ״קום אריבער, איך האב פאר דיר א טשעק פון צען טויזענט דאלאר פאר מוסדות יטב לב.״

וואס?! - שרייט ר׳ מאיר אריין אין טעלפאן - וויפיל?

און איך זאג אים נאכאמאל ״צען טויזענט דאלאר״. איך דערמאן אים, אז מיט עטליכע חדשים צוריק האב איך געהאלטן אינמיטן דורכפירן א גרעסערע געשעפט וואס איז נישט געגאנגען געהעריג, האב איך אים דאן צוגעזאגט, אז אויב דער געשעפט וועט זיך אויסארבעטן וועל איך אים געבן צען טויזענט דאלאר. זאג איך אים אז כ׳האב עפעס אינגאנצן פארגעסן פון מיין צוזאג, אבער איצט אז ער האט גערופן האב איך מיך פלוצים דערמאנט דערפון. ב״ה דער געשעפט איז געלונגען, און איך וויל באצאלן די צען אלפים.

עס איז מיר אבער נאך אלץ געווען א וואונדער פארוואס ר׳ מאיר איז איבערראשט געווארן דערפון. ס׳איז נישט דאס ערשטע מאל וואס איך געב אזא סכום... און כ׳האב אים אפען געפרעגט ״מה כל הרעש?״.

דערציילט מיר ר׳ מאיר אז ס׳איז שוין עטליכע טעג וואס די אפיס-איינגעשטעלטע זענען באזארגט און פארסאפעט. ס׳איז שוין געווען היבש טיף אינמיטן חודש, און מ׳האט נאכנישט געהאט געשיקט די חודש׳ליכע תמיכה פאר די מוסדות אין ארץ ישראל. אין די לעצטע עטליכע טעג - זאגט מיר ר׳ מאיר פערל, האט מען זיך שוין צוזאמגעמוטשעט און געטון וואס ס׳איז נאר געווען מעגליך צו טון, צו שאפן דאס גאנצע געלט. אלעס האט מען שוין געשאפן, און עס האט געפעלט נאך...

יא, עס האט געפעלט פונקט נאך צען אלפים!

מ׳האט שוין נישט געקענט טראכטן פון וואו מ׳קען דאס נאך שאפן.

און דא איז אונטערגעקומען אזא סכום! אומגלויבליך!.

ביז א קורצע צייט איז ר׳ מאיר שוין געווען ביי מיר אין ביורא אפצונעמען דעם סכום, און צומארגענס האבן די מוסדות אין ירושלים און אין בני ברק שוין גענאסן דערפון!

ידידכם מוקירכם
ב. א. וו.
בארא פארק

## דער ״פושקע עסקן״ דערציילט

מע״כ עורכי גליון ״בקודש חזיתיך״ שיחיו.

עס איז שוין נישט ווייט פונעם זומער, איז אפשר כדאי מפרסם צו זיין די פאלגענדע מעשה וואס ״בדידי הוה עובדא״.

זייענדיג עוסק בעבודת הקודש אפצונעמען די אנגעפילטע יטב לב פושקעס פון אנ״ש דאהי אין וויליאמסבורג, זעה איך כסדר דעם שטארקן ווארימקייט וואס הערשט ביי אונזער ציבור, צו שטיצן די הייליגע ״יטב לב פושקע״ וואס איז מסוגל אויף אלע גוטע זאכן. אזוי אז ווען איך טרעף ״גרויס געלט״ אין די ״קליינע״ פושקע, רופט עס בכלל נישט ארויס ביי מיר קיין וואונדער. עס איז א געוועהנליכע ערשיינונג.

פארט אבער איז געווען איין אנגעפילטע פושקע וואס האט מיך יא פארוואונדערט. איך בין שוין צוגעוואוינט אז ווען איך גיי אפנעמען פושקעס פון אידן וואס פירן געשעפטן, צי פון די וואס האלטן שוין ביים מחתן זיין און זיכער ביים שידוכים טון מיט די קינדער, טרעפט מען דארט גרויס געלט, וואס הגם איך פרעג געוועהנליך קיינעם נישט צוליב וואס מ׳האט עס אריינגעלייגט, פארשטיי איך אבער אז ווארשיינליך האט מען עס אריינגעלייגט פארן האלטן ביים דורכפירן א געשעפט, פאר א שידוך, פאר א פארהער פון א קינד, וכדומה. אבער ווען איך גיי אפנעמען די פושקע פון א יונגן אינגערמאן, בין איך שוין געריסט צו טרעפן אן אנגעפילטע פושקע מיט קליין געלט, קוואדערס, דיימס און אביסל סינגעלס...

ווי איבערראשט בין איך געווארן פארגאנגענעם סוף זומער (אלול תש״ע), ווי א אינגערמאן נישט לאנג נאך די חתונה האט מיך גערופן אפנעמען אן אנגעפילטע פושקע, און ביים אויסליידיגן די פושקע זענען פון דארט ארויסגעפאלן עטליכע גלאטע ״הונדערטערס״!. איך בין היימיש מיט דעם אינגערמאן, דעריבער האב איך מיך געטרויעט זיך צו ווערטלען מיט אים, און איך געב אים א זאג ״מסתמא האסטו געדארפט אויפטוישן א הונדערטער אויף קליין געלט, וועגן דעם ליגט עס דא״...

זאגט ער מיר, דייקא ניין. כ׳האב עס דא אזוי אריינגעלייגט גאנצערהייט, און פון זיך אליינס הייבט ער אן מיר צו דערציילן די סיבה דערפון.

ער דערציילט מיר אז במשך דעם זומער האט ער כסדר געליטן פון ״בעד-באגס״ וואס האבן זיך כסדר געדרייט ביי אים אין שטוב, און ער האט נישט געקענט פטור ווערן דערפון. ער האט עטליכע מאל געהאט ביי זיך אין שטוב אן ״עקסטערמינעטאר״ וואס האט געטון אלע מיני מעטאדן זיי אויסצוראטן, ער האט אפילו גערופן אנדערע מומחים און פראפעסאנאלן וואס צייכענען זיך אויס אויף דעם געביט, אבער עס האט גארנישט געהאלפן. וויפיל מ׳האט זיי פארטריבן, זענען זיי אלץ צוריקגעקומען - זעט אויס פון אנדערע אומבארקטע לעכער.

די בעד-באגס האבן זיך שוין צו שטארק ״באקוועם״ געמאכט ביי אים אינדערהיים. זיי זענען געקראכן אויף די בענקלעך און טישן, אויף די בעטן און קלאזעטס, און וואו נישט... וואס האט אים ממש נישט קיין מנוחה געלאזט. האט ער דעריבער באשלאסן אז ער מוז טון עפעס דראסטיש. דאן האט ער באשלאסן אז ער האט שוין גענוג געלט געצאלט פאר אלע ״עקספערטן״ איצט וועט ער זיך נעמען צום אור-אלטן מיטל פון ״צדקת רבי מאיר בעל הנס״.

ער האט גענומען א גרויסן סכום געלט, וויפיל עס וואלט אים געקאסט נאכאמאל אן עקסטערמינעטאר, ער האט דאס אריינגעלייגט אין די ״יטב לב פושקע״ און ערליך מתפלל געווען ״אלקא דמאיר ענני״.

און וואונדער-איבער-וואונדער, וואס די גרעסטע עקספערטן האבן נישט באוויזן, האט די יטב לב פושקע יא באוויזן. פון יענעם טאג אנגעהויבן, האט ער מער קיין ״בעד-באג״ נישט געזען ביי זיך אין שטוב! זיי זענען אלע נעלם געווארן מעיני כל חי!

איך גלייב אז איבערן זומער זענען דא נאך אידן וואס ליידן פון ענליכע פראבלעמען. אפשר איז כדאי מפרסם צו זיין די מעשה, וואס וועט זיין א שטארקער זכות הרבים.

ידידכם
יעקב הערש צין,
יט״ל פושקע עסקן-וויליאמסבורג

## חול המועד נסיעה דורך בשלום

לכבוד עסקני מוסדות יטב לב בארה״ק

דאס געלט וואס איך שיק דא מיט איז נישט אויפן חשבון פון מיין החזקת מלמד, און ס׳איז בכלל נישט פון מיין געלט. דאס איז גאנץ אן אנדערע חשבון.

בחסדי שמים מרובים האב איך פארגאנגענעם צווישן יום כיפור און סוכות בר מצוה געמאכט מיין עלטסטן זון נ״י. ווי עס איז דער שטייגער האט ער ביי די בר מצוה באקומען ״דורן דרשה״. טייל האבן געגעבן ספרים, אבער טייל האבן אויך געגעבן ״געלט״. דאס געלט איז אזוי געליגן אומבארירט עטליכע טעג. אינצווישן איז געווארן סוכות, און מ׳האט זיכער געהאט וויכטיגערס פון וואס צו טראכטן, ווי פון דעם געלט וואס ער האט פארדינט. אבער אינמיטן חול המועד בין איך איבערראשט געווארן ווען מיין זון נ״י האט מיר געזאגט, אז ער וויל געבן די ״מעשר״ פון דאס געלט וואס ער האט פארדינט פאר ״מוסדות יטב לב״.

פארוואס עפעס פאר יטב לב? ווען האט ער זיך דערמאנט?